בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בהר בחוקותי
שנת תשפ"ו

גליון
קנ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - גוּטֶע אוֹיגְן -

#### קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט אַ גוּט אוֹיג

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹד אִין חִינוּךְ וָואס מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן אִיז: מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוּן קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּט אוֹיג.

אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד, קֶען מֶען אִים מְחַנֵּךְ זַיין; דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין זַיין הַארְץ, זַיינֶע אוֹיעֶרְן וֶועלְן עֶס דֶערְהֶערְן, אוּן עֶר וֶועט עֶס אָנְנֶעמֶען.

וִוידֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, אֲפִילוּ מֶען וֶועט כְּסֵדֶר זָאגְן פַארְן קִינְד: "**אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ**", וֶועט דָאס קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, אוּן מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְטוּן מִיט אִים. 'לִיבְּשַׁאפְט' אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִינְאֵיינֶעם מִיטְן קִינְד וֵוייסְן דֶעם אֶמֶת צִי דֶער מְחַנֵּךְ הָאט אִים טַאקֶע לִיבּ אָדֶער נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען טוֹישְׁן יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב): אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רָשָׁע גָּמוּר רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג, מֶען וֶועט אוֹיפְזוּכְן אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט אִין אִים בְּלוֹיז אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, הֶעלְפְט מֶען אִים מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע, אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "**וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ**", אַז מֶען טְרֶעפְט 'וְעוֹד מְעַט' אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס אִין דֶעם אִיז עֶר 'וְאֵין רָשָׁע', דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי זַאךְ אִיז עֶר גוּט, 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ' נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, זֶע אִיךְ 'וְאֵינֶנּוּ' דָאס שְׁלֶעכְטְס אִיז מֶער נִישְׁטָא, עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק.

דֶער תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, אוּן דָאס אִיז דֶער יְסוֹד וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף קִינְדֶער כְּדֵי זֵיי צוּ קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין; מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן אִין יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס אַ נְקוּדָּה טוֹבָה, אוּן הַאלְטְן פוּנֶעם קִינְד צוּלִיבּ יֶענֶע גוּטֶע נְקוּדָּה.

אֲפִילוּ וֶוען אַ קִינְד פִּירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יח). דָאס מֵיינְט: מֶען זָאל טְרַאכְטְן אוֹיפְן קִינְד מִיט רַחְמָנוּת: 'אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן דִי נַארִישְׁקֵייט, עֶר הָאט עֶס נָאר גֶעטוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר אָדֶער וַוייל עֶר אִיז נָאךְ קִינְדֶערִישׁ'. בִּיז מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן לִיבּ צוּ הָאבְּן דָאס קִינְד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאס קִינְד וֶועלְן אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

#### לִיבּ הָאבְּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

לוֹיט דֶער נַאטוּר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאבְּן עֶלְטֶערְן אַן אִינֶערְלִיכֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי מֶען זֶעט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, טו), דֶער נָבִיא זָאגְט: "**הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ מֵרַחֵם בֶּן בִּטְנָהּ**", קֶען דֶען אַ מַאמֶע פַארְגֶעסְן אָדֶער נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר קִינְד?!

אָבֶּער נָאכְן רֶעדְן מִיט אַסַאךְ עֶלְטֶערְן וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין כְּלַל. לֵיידֶער זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַז זֵיי הָאבְּן זֵיי נִישְׁט לִיבּ.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שְׁטֶער אִין חִינוּךְ, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דָאס קִינְד.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן אַזֶעלְכֶע סָארְט עֶלְטֶערְן גָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר הַארְץ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן, זֵיי זָאלְן יָא לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן קוּקְן אוֹיף זֵייעֶרֶע גוּטֶע נְקוּדּוֹת; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין זֵיי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין.

#### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט

אֵיידֶער מְחַנְּכִים גֵייעֶן אַרַיין אִין כִּתָּה, דַארְפְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער. אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג, מוּז מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן מֶען זָאל יָא זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג.

זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דִי אוּן דִי קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ לִיבּ וַוייל זֵיי זֶענֶען בַּא'חֵנְ'ט, זֵיי קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן מִיר דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי הֶערְן מִיךְ אוֹיס. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן מִיט דֶעם קִינְד אוּן יֶענֶעם קִינְד? אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט לִיבּ אוּן אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט דֶערְלַיידְן, וַוייל זֵיי הֶערְן נִישְׁט וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי, זֵיי פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט, אוּן וֶוען אִיךְ וִויל מַאכְן אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער - מַאכְן זֵיי עֶס אַוֶועק. וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי**

**רַשִׁ"י אִין פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים** (שְׁמוֹת כא, ו, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְרָצַע): **'אֹזֶן זֹאת שֶׁשָּׁמְעָה עַל הַר סִינַי לֹא תִּגְנֹב, וְהָלַךְ וְגָנַב, תֵּרָצַע', כַאפּ אִיךְ זֵיי אָן בַּיים אוֹיעֶר, אִיךְ גֶעבּ אַ גוּטֶע צִי אוּן אִיךְ זָאג זֵיי: 'דֶער אוֹיעֶר הֶערְט נִישְׁט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִיר'... הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער יָארְן, אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְשְׁפִּילְט אוּן קִינְדֶערִישׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זַיין שְׁלֶעכְט".**

## מֶען מוּז מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער

וֶוען מֶען רֶעדְט וֶועגְן לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוּן קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּט אוֹיג, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז מֶען זָאל זֵיי לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן צוּלִיבּ דִי לִיבְּשַׁאפְט; חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן! אַוַודַאי דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, נָאר מֶען דַארְף גֵיין אִינֶעם מִיטְל וֶועג. אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען בְּלוֹיז קִינְדֶער; זֵיי זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא שְׁמוֹת א, א): וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וַוייל עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער צוּם סוֹף אַרָאפּ גֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, הָאט עֶר אִים גֶעשׁוֹינְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, בִּיז עֶר הָאט אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט פַּאסִירְט מִיט עֵשָׂו; יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, כח): **"וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו"**, עֶר הָאט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט אוּן צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט אַבְשָׁלוֹם אוּן אֲדֹנִיָּה דִי קִינְדֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר, ווִי עֶס שְׁטֵייט אוֹיף אֲדֹנִיָּה (מְלָכִים א', א, ו): **"וְלֹא עֲצָבוֹ אָבִיו מִיָּמָיו לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּכָה עָשִׂיתָ"**, אוּן שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט דָארְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (קֹהֶלֶת רַבָּה ז, ג) אוֹיף אַמְנוֹן דֶער זוּן פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר, דֶערְפַאר אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן מִיט אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה אוּן מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט הַרְגְ'עֶנֶען.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען, אַז לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר אוּן זֵיי נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר, אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין עֵסֶק; עֶס אִיז פַּחַד פְּחָדִים, דִי קִינְדֶער קֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. מֶען דַארְף יָא זָאגְן פַאר קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט חָכְמָה; דוּרְךְ רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט קוּקְן גוּט אוּן דוּרְךְ הַאלְטְן פוּנֶעם קִינְד.

אַסַאךְ מָאל פְרֶעגְן מִיר בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה: פַארְוָואס אִיךְ זָאג זֵיי אַלְץ מוּסָר? זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַז פַאר גֶעווִיסֶע בָּחוּרִים זָאג אִיךְ נִישְׁט קַיין מוּסָר. עֶנְטְפֶער אִיךְ זֵיי: **"אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶען אִיךְ דִיר צוּלֵייגְן צוּ דִי לִיסְטֶע פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס אִיךְ זָאג זֵיי גָארְנִישְׁט; אִיךְ שְׁמֵייכְל צוּ זֵיי פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט... פַארְוָואס זָאג אִיךְ דִיר יָא מוּסָר? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַז דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן"**. ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): **"וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר"**, דֶער וָואס אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, וַוייזְט דָאס אַז עֶר הָאט זֵיי לִיבּ.

## פַארְלַאנְגֶען צוּ פָאלְגְן אָן בַּאלוֹינֶען אָדֶער סְטְרַאשֶׁען

דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער אִיז 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'; עֶס מוּז זַיין סֵדֶר אִין כִּתָּה, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרוּמְטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאוַוייזְן אַיינְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אִין אַ כִּתָּה? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז 'דִי קִינְדֶער מוּזְן פָאלְגְן אוּן זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן', דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער טַאקֶע פָאלְגְן. אָבֶּער נִישְׁט דוּרְךְ צוּזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ בַּאלוֹינוּנְג אָדֶער זֵיי סְטְרַאשֶׁען מִיט אַ שְׁטְרָאף.

אַסַאךְ עֶלְטֶערְן מַאכְן דֶעם טָעוּת: וֶוען זֵיי הֵייסְן עֶפֶּעס פַאר זֵייעֶר קִינְד אוּן דָאס קִינְד ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן, קוֹיפְן זֵיי אוּנְטֶער דָאס קִינְד מִיט בַּאלוֹינוּנְגֶען, זֵיי זָאגְן: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן, וֶועל אִיךְ דִיר נֶעמֶען אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג"**. אָדֶער טוּעֶן זֵיי פַארְקֶערְט אוּן הֵייבְּן אָן צוּ סְטְרַאשֶׁען דָאס קִינְד: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט פָאלְגְן, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף"**. בֵּיידֶע מְהַלְכִים זֶענֶען נִישְׁט רִיכְטִיג.

וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶסְן, גֵיין שְׁלָאפְן, צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען זֵיי פָּשׁוּט זָאגְן וָואס צוּ טוּן אָן סְטְרַאשֶׁען, וַוייל סְטְרַאשֶׁען וַוייזְט אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט. עֶס וַוייזְט כְּאִילוּ דָאס קִינְד הָאט אוֹיךְ אַ צַד אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיטְן קִינְד פַארְהַאנְדְלֶען וֶוער עֶס זָאל נָאכְגֶעבְּן פַארְן צְוֵייטְן. מֶען דַארְף הֵייסְן דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן טוּן, אוּן אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל. אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן וַוייטֶער נִישְׁט, זָאגְט מֶען: **"מֶען מוּז פָאלְגְן אַ טַאטֶע"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע"**, אַזוֹי לֶערְנֶען זִיךְ דִי קִינְדֶער אוֹיס צוּ פָאלְגְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים וָואס אַלֶעס גֵייט בַּיי זֵיי צוּ מִיט בַּאלוֹינוּנְגֶען אָדֶער מִיט סְטְרַאשֶׁען, וַוייל זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אַלֵיין אָפּ; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן נָאר אוֹיבּ מֶען זָאגְט צוּ אַ בַּאלוֹינוּנְג אָדֶער מֶען סְטְרַאשֶׁעט.

אַ טַאטֶע הָאט מִיר אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל נֶעמֶען אִין חֵדֶר אַ חוּמָשׁ וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט, אָבֶּער דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"אִיךְ נֶעם עֶס נִישְׁט! אִיךְ דַארְף אַ נֵייעֶ חוּמָשׁ!"** דֶער טַאטֶע הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט מַיין זוּן?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דוּ דַארְפְסְט וִויסְן בַּיי דִיר אִין מֹחַ אַז 'דַיין קִינְד דַארְף פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט פָאלְגְן', אוּן דוּ זָאלְסְט אִים נָאכְאַמָאל זָאגְן: 'נֶעם דֶעם חוּמָשׁ אִין חֵדֶר!' וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶר וֶועט פָאלְגְן"**.

לוֹיט דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן זִיכֶערְקֵייט וָואס עֶלְטֶערְן אָדֶער מְחַנְּכִים הָאבְּן אִין זִיךְ, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה

מְחַנְּכִים דַארְפְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם צִיל פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער; כְּדֵי זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער כְּדֵי אָפְּצוּנֶעמֶען פוּן זֵיי כָּבוֹד צוּ בּוֹיעֶן אַן אֵייגֶענֶע מְלוּכָה; מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער כְּדֵי צוּ בּוֹיעֶן אַ מַלְכוּת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן אַמָאל עֶפֶּעס אַרִיבֶּערְגֵיין אִין לֶעבְּן,

זאלן זיי וויסן אז עס איז דא א באשעפער צו וועם מען קען זיך ווענדן.

## רעדן צו די קינדער פון גוטע מדות

מחנכים דארפן אויסלערנען די קינדער צו האבן גוטע מדות. דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו שרייבט אין צעטיל קטן (סימן טז): **"האדם לא נברא רק לשבר את הטבע"**, א מענטש איז באשאפן געווארן כדי אויסצוארבעטן זיינע מידות; ער זאגט דארט אז דאס איז גרינגער צו טון ווען מען איז נאך יונג, פאר די אכצן יאר, ווייל שפעטער איז שווין זייער שווער זיך צו טושן.

מען דארף זיך אומקוקן אין כתה צי עס זענען דא קינדער וואס טשעפען זיך איינער מיטן צווייטן, אדער אויב מען פייניגט איינעם; אויב מען באמערקט אזעלכע זאכן, מוז מען עס גלייך אפשטעלן.

אויך דארף מען אכטונג געבן צי עס געפינט זיך אין כתה א קינד וואס האט נישט קיין חברים. מען דארף ניצן אלע מיטלען און עצות אז דאס קינד זאל באקומען חברים, כדי דאס קינד זאל חס ושלום נישט ווערן צעקלאפט.

אויב מען זעט ביי א קינד אז ער מאכט כסדר אוועק וואס אנדערע קינדער זאגן, אדער אז זיין גאנצע חיות קומט נאר פון דערציילן לשון הרע אויף אנדערע, דארף מען אויסלערנען דאס קינד אז עס איז נישט קיין גוטע מדה אוועקצומאכן וואס אנדערע זאגן אדער צו זוכן דאס שלעכטס אין א צווייטן, און ער זאל בעטן דעם אייבערשטן צו האבן גוטע מדות.

## נישט ערווארטן צו זען פארשריט גלייך

ווען מען רעדט צו קינדער איבער סיי וועלכע ענין, איז וויכטיג צו וויסן אז די קינדער וועלן זיך נישט גלייך פארבעסערן. מען דארף איבערזאגן די זאך נאכאמאל און נאכאמאל, ביז די ווערטער וועלן זיך צוזאמנעמען און אריינגיין אין זייערע הערצער. עס קען אפילו זיין אז עס וועט נעמען גאר א לאנגע צייט פון א וואך - ביז אפילו צען יאר אז די ווערטער וועלן טאקע אריינגיין.

צום ביישפיל: ווען מען לערנט אויס פאר קינדער צו מכבד זיין אן עלטערן איד, ווי למשל זיך אויפשטעלן און אוועק געבן דעם פלאץ אויפן באס פאר אן עלטערן איד ווען אלע זיצן זענען שוין פארנומען, מוז מען געדענקען אז עס קען נעמען צייט ביז די קינדער וועלן דאס אויספירן למעשה. מען דארף זיין גרייט צו הערן אז אפילו אין דעם זעלבן טאג וואס מען האט גערעדט איבער דעם ענין, זענען די קינדער געפארן אויף באס, אן עלטערער איד איז ארויפגעקומען, און זיי זענען געבליבן זיצן אויף זייער פלאץ און אפילו געלאכט פונעם עלטערן איד.

דאס איז וויכטיג צו וויסן, ווייל אויב מען ערווארט צו זען גלייך פארשריט, קען מען ווערן שטארק אנטוישט ווען מען וועט הערן אז די קינדער האבן נישט געפאלגט דאס וואס מען האט גערעדט צו זיי.

דעריבער דארף מען אריינגעמען דעם יסוד ביי זיך און גלייבן אז יעדעס ווארט וואס מען רעדט צו קינדער גייט אריין אין זיי; עס נעמט פשוט א לענגערע צייט ביז מען קען עס אנזען אויף די קינדער.

איך זע דאס ביי מיר אליין. ווען איך בין געווען א קינד, איז מיין קאפ בכלל נישט געווען קאנצענטרירט אין כתה, איך בין געווען זייער שטארק פארשפילט; אבער דאך דערמאן איך זיך כסדר אין זייער אסאך זאכן וואס איך האב געהערט אין מיינע קינדער יארן פון מיינע מלמדים, און צובייסלעך הייב איך עס אן אויסצופירן למעשה.

## א פליכט צו געבן גוטע ווערטער

עס ליגט א פליכט אויף מחנכים צו געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער. עס איז כדאי מען זאל האלטן ביי זיך אין שטוב א ליסטע מיט די נעמען פון אלע קינדער, און פון צייט צו צייט זאל מען דורכגיין די נעמען און זיך מאכן א קלארע חשבון הנפש מיטן אייבערשטן, צי מען האט שוין פאר יעדן איינעם געגעבן א גוט ווארט אדער נישט.

נאכן מאכן א קלארע חשבון הנפש כאפט מען זיך געוויינליך אז נישט אלע קינדער האבן שוין באקומען א גוט ווארט; ווייל דער נאטור פון א מענטש איז צו געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער וואס קומען אלץ צו זיך באדאנקען פארן שיעור, אדער פאר די וואס קומען אליין אפנעמען זייער גוט ווארט, און פון די אנדערע קינדער פארגעסט מען אינגאנצן.

## אנפילן דעם לאך ביי די קינדער

א מלמד האט מיר דערציילט: ער האט א תלמיד ביי זיך אין כתה וואס יעדעס מאל ווען ער זאגט אים: **"דו ביסט זייער וואויל"**, אדער **"דו ביסט זייער גוט"**, פרעגט אים דאס קינד: **"איך קען שוין גיין?"** דער מלמד האט מיר געפרעגט וואס ער זאל טון דערוועגן? האב איך אים געזאגט: דאס קומענדיגע מאל ווען דאס קינד וועט דיך פרעגן: **"איך קען שוין גיין?"** זאלסטו אים זאגן מיט ליבשאפט און א שמייכל: **"ניין; דו קענסט נאכנישט גיין. איך וויל דיר עס נאכאמאל זאגן, זאלסט וויסן אז דו ביסט זייער א טייער קינד!"**

ווען א קינד לויפט אוועק פון א גוט ווארט, ווייזט עס אז ער ווייסט נישט ווי אזוי אויפצונעמען גוטע ווערטער, ווייל קיינער האט אים נאכנישט געגעבן קיין גוטע ווערטער.

ליידער זענען דא שטיבער וואס פירן זיך מיט א שטארקע סדר, ממש ווי א באן; עס זענען דא באשטימטע צייטן ווען מען טיילט אויס נאכטמאל און ווען מען גייט שלאפן, אבער אלעס איז אויף א טעכנישן אופן. די עלטערן רימען קיינמאל נישט אויס די קינדער און זיי געבן נישט קיין גוטע ווערטער; די עלטערן זאגן קיינמאל נישט פאר די קינדער: **"דו ביסט אזוי טייער"**, **"דו ביסט אזוי וואויל"**, **"שכוח אייבערשטער פאר אזעלכע קינדער"**.

דעריבער איז זייער וויכטיג אז די מחנכים זאלן אנפילן דעם לאך ביי די קינדער און זיי געבן אסאך גוטע ווערטער, כדי זיי זאלן אויסוואקסן געזונט.

יארן צוריק, ווען איך בין געווארן א מלמד, האט מיר א חבר געזאגט א גוט ווארט וואס איז מיר טיף אריין אין די ביינער: **"אויב דא איז דא אין דיין כתה א קינד וואס דו קענסט אים נישט ליידן, א נערוועזן קריכער, א קינד מיט א רינגעדיגע נאז, אדער איינער וואס מאכט איין וכדומה, זאלסטו זייער אכטונג געבן אויף אים. דו זאלסט וויסן: אויב דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אזא קינד ביי דיר אין כתה, מיינט דאס אז באמת איז דיר באשערט אזא קינד, און אויב דו וועסט נישט אכטונג געבן אויף אים אין כתה, וועט עס דער אייבערשטער אריינלייגן ביי דיר אין שטוב, און פון דארט וועסטו עס שוין נישט קענען אוועקשיקן"**.

וואויל איז פאר א מענטש וואס מוטשעט זיך מיט אידישע קינדער, וועט אים דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט זיך נישט דארפן מוטשען מיט די אייגענע קינדער.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## קֶען מֶען מַאכְן יֶעדְן פַאר חַזָּן אִין קְלַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַלְס מְלַמֵּד פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ מַאכְן בֶּעסְטֶע פַאר יֶעדְן קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר בַּיים דַאוֶונֶען אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ שַׁאנְס צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה, דָאס הֵייסְט צוּ אוֹיסְלָאזְן הוֹיךְ דִי שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זַיין אַ גוּטֶער חַזָּן.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אֵיין קִינְד פַאר חַזָּן, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ וַוארְטְן בִּיז יֶעדֶער עֶנְדִיגְט אַ שְׁטִיקְל אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיסְלָאזְן הוֹיךְ, הָאט עֶר פָּשׁוּט גֶעזָאגְט וַוייטֶער שְׁטִיל אוּן שְׁנֶעל. וְוִיפִיל אִיךְ הָאבּ אִים פְּרוּבִּירְט צוּ מַסְבִּיר זַיין וְוִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן רִיכְטִיג, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט שְׁטִיל אוּן שְׁנֶעל, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעמוּזְט זָאגְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט זַיין וַוייטֶער חַזָּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ צְוֵוייטֶע בַּעַל תְּפִלָּה.

פוּן אֵיין זַייט וְוִי אִיךְ גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר יֶעדְן צוּ זַיין דֶער חַזָּן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף דָאךְ זַיין אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ. וְוִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו,
ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס וְויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״׳וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׳, אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת״, אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי וְוִי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּצֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט – אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ סֵדֶר מִיט דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַּאסִיג אוּן פֶּעאִיג צוּ זַיין בַּעֲלֵי תְּפִלָּה זֵיי זָאלְן זַיין דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען יָא מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער אָן אוֹיסְנַאם זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען אוּן זֵיי קֶענֶען, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם נֶעמֶען פוּן דֶעם אַ בַּאוַוייז אַז ׳מִיר טוֹיגְן נִישְׁט, וְהָא רְאָיָ׳ אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין חַזָּנִים וּבַעֲלֵי תְּפִלָּה׳.

רִיכְטִיג אִיז אַז מֶען זָאל אַיינְטֵיילְן דִי כִּתָּה, גֶעבְּן פַאר אַלֶעמֶען צוּ זַיין בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, מֶען קֶען אַיינְטֵיילְן דָאס דַאוֶונֶען אִין צְוֵויי אָדֶער מֶער, אוּן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ הֶעכֶערֶע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, קְלָארֶערֶע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה – גֶעבְּט מֶען זֵיי, אוּן דִי אַנְדֶערֶע גֶעבְּט מֶען פַאר דִי אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וְוִי אִין שׁוּל; פְּסוּקֵי דְּזִמְרָא אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר מֶערֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַנְדֶערְשׁ וְוִי שַׁחֲרִית.

בּוֹי אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי אַלֶע פָּאסְטֶענֶעס, טֵייל אַיין דִי כִּתָּה אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן אַ זַאךְ, אוּן גֶעבּ אַלֶעמֶען אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רב): ״כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר״, וֶוער עֶס הָאט וֵוינִיג שֵׂכֶל דַארְף אַסַאךְ כָּבוֹד; דָאס גֵייט אָן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד וַוייל זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד אִיז נָאךְ קְלֵיין, בִּפְרַט קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער – דַארְפְן דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ. דֶערִיבֶּער, אַ קְלוּגֶע מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער – וֶועט הֵייבְּן דִי קִינְדֶער אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן, סֵיי בָּרַבִּים אוּן אוֹיךְ פְּרִיוַואט.

קַארְג נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֶע עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט; מוּסָר וֶוערְטֶער אוּן קְרִיטִיק וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ קַארְגְן, אוּן נָאר מַמָּשׁ בְּלֵית בְּרֵירָה, נָאכְן גוּט דוּרְכְטְרַאכְטְן – זָאגְט מֶען אַמָאל מוּסָר וְכוּ׳, אָבֶּער גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער – דַארְף מֶען גֶעבְּן וָואס מֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב פסח, שנת תשפ״ו)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876